בס״ד

# עונג יום טוב

## ראש השנה תשע״א

גוט יום טוב אידן.. ר׳ שמואל אמון (זיין עכטע נאמען) איז דער רב פון דעם ספרד׳ישע קהילה ״שערי תפילה״ אין אִיטענטאן, ניו דזשערסי. יעדעס יאר פאר ראש השנה פלעגט ר׳ שמואל און זיין בני בית פארן צו דעם בית החיים צום קבר פון ר׳ שמואל׳ס שוויגער. געווענטליך פארן זיי צום בית החיים אין א זונטאג. זונטאג איז די פארנומענסטע טאג פון דער וואך אין די בית החיים ווייל רוב מענטשן וועלכע קומען צו יענע בית החיים ארבעטן מאנטאג ביז פרייטאג. אין חודש אלול איז די בית החיים אייביג אויסערגעווענליך אנגעפאקט מיט מענטשן צוליב דעם וואס דער עולם פירט זיך צו קומען ספעציעל פאר ראש השנה.

אין חודש אלול תשנ״ט זענען ר׳ שמואל און זיין בני בית ארויסגעפארן אויף א דינסטאג, אנשטאט א זונטאג, ווייל אזוי איז אויסגעקומען די יאר. שפעטער האט ר׳ שמואל געזען אז זיין החלטה צו פארן אויף א דינסטאג איז אנגעפירט געווארן פון הימעל, אזוי ווי מיר גייען באלד דערציילן.

אין יענעם טאג איז די בית החיים געווען כמעט ליידיג. ר׳ שמואל האט נישט געזען אנדערע מענטשן דארט, און דער פלאץ איז געווען שטיל. ר׳ שמואל האט ארויסגענומען א תהלים און ער האט אנגעהויבן צו זאגן די קאפיטלעך.

פלוצלינג האט ר׳ שמואל באמערקט א לוויה קומענדיג אויפ׳ן וועג. דאן האט ער באמערקט אז עס איז דארט געווען א אפענע קבר, נישט ווייט אוועק. עס איז געווען קלאר אז די אבלים, ל״ע, זענען נישט געווען קיין פרומע אידן, ווייל די קאפעלעך וואס זיי האבן געטראגן, האבן געהאלטן ביים אראפ׳פאלען. ר׳ שמואל און זיין רבי׳צן האבן געזען ווי גוי׳אישע ארבעטערס האבן אראפגענומען דעם ארון פון א טראק און עס געלייגט לעבן דעם אפענע קבר.

פלוצלינג, האט איינער פון די פרייע אידן געוויזן מיט זיין האנט צו ר׳ שמואל, כדי אים צו רופן, אז ער זאל צוקומען. ר׳ שמואל האט זיך פארגעשטעלט אז זיי זוכן א מנין צו זאגן קדיש. ר׳ שמואל איז צוגעגאנגען צו די אידן און ער איז געווואר געווארן אז זיי האבן געזוכט טאקע א צענטער צו זאגן קדיש.

ווען ר׳ שמואל איז געקומען צו דער גרופע פון אידן, האט ער געזען אז עס איז געשטאנען דארט א פאר גוים נעבן א טראקטור, גרייט צו דעקן דעם ארון. ר׳ שמואל איז געווארן ערשטוינט! ח״ו, אז גוים זאלן באגראבן א איד! וועגן דעם האט ר׳ שמואל געפרעגט די אבלים אויב זיי פלאנען צו באגראבן דעם איד אדער נישט.

״ניין,״ האט איינער פון די אידן געזאגט, ״מיר וועלן נאר זאגן קדיש, די ארבעטערס קענען אראפלייגן און דעקן אונזער טאטען.״

״אבער,״ האט ר׳ שמואל אנגעהויבן צו זאגן, ״דאס איז נישט אויסגעהאלטן, עס איז נישט קיין כבוד פאר׳ן מת.״

״ראביי, מיר זענען נישט קיין ארטאדאקסישע אידן...״ איז געווען דער קורצער ענטפער פון איינעם פון די פרייע אבלים. ״לאמיר שוין זאגן קדיש, כדי מיר זאלן קענען שוין אהיימגיין. לאמיר לאזן דעם באגראבן פאר די ארבעטערס, וועגן דעם באקומען זיי זייער באלוינונג.״

ר׳ שמואל האט זיך מיישב געווען אז ער וועט נישט קענען איינרעדן די אידן אז זיי זאלן באגראבן זייער טאטען אזוי ווי עס דארף צו זיין. כאטש אפילו זיי זענען נישט געווען אינטערעסירט צו באגראבן זייער טאטען, זענען זיי כאטש מסכים געווען צו העלפן ר׳ שמואל אראפלייגן דעם ארון אין דעם ערד. דאן האבן זיי געזאגט קדיש און באלד דערנאך זענען זיי אלע אהיים געגאנגען, לאזענדיק דעם אפענע קבר פון זייער טאטען, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

נאכדעם וואס זיי זענען אוועקגעגאנגען, האט ר׳ שמואל באמערקט אז די גוי׳אישע ארבעטערס זענען געשטאנען ארום דעם קבר לעבן א טראקטור און לעבן א קליינען בארג פון ערד, גרייט צו צודעקן דעם ארון. ר׳ שמואל האט געפרעגט זיי אויב עס וועט זיי שטערן אויב ר׳ שמואל וועט אליינס צודעקן דעם ארון מיט ערד. די גוים האבן מסכים געווען.

ר׳ שמואל האט גענומען אן אלטן שאוועל און ער האט אנגעהויבן דעם שווערן ארבעט פון צודעקן דעם ארון. זיין ריקן האט אים ווייגעטון, אבער, ער האט ווייטער געארבעט ווייל ער האט געוואוסט אז עס איז א ריזיגע מצוה. בשעת ער האט באגראבן דעם איד, ער האט זיך דערמאנט וועגן די חז״ל ״...הקב״ה קבר מתים... אף אתה קבור מתים.״ (סוטה יד.) ער האט זיך געפריידט אן אמת׳ע שמחה אז ער האט געקענט מקיים זיין אזא חשובע מצוה פאר ראש השנה. ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן דעם איד. לכאורה האט דער איד א זכות געהאט ווייל ער האט זוכה געווען באגראבן צו ווערן על פי הלכה. ווען ער האט געענדיגט באגראבן דעם איד, האט ער געקוקט אויפ׳ן שטיקל האלץ אויף וואס איז געשטאנען דעם נאמען פונעם מת. דער איד האט געהייסן ״מעני האלעב״ (נישט זיין עכטע נאמען.) ר׳ שמואל איז געגאנגען צו דעם אפיס פון דער בית החיים זיך צו אינטערעסירן אין דעם נפטר. ר׳ שמואל האט נישט געגלייבט וואס ער האט אויסגעפינען וועגן דעם נפטר...

פאר מיר גייען ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים פון דער מעשה וואס האבן א שייכות מיט עניינים פון די ימים נוראים. מיר זעהן פון דער מעשה אז דער נפטר האט געהאט א זכיה צו באגראבן ווערן אזוי ווי עס דארף צו זיין. מיר קענען ארויסנעמען פון דא א געוואלדיגע מוסר השכל וואס איז שייך אין אונזער טאג טעגליכען לעבן, בפרט אין די טעג. ד״ה, וואס די משנה זאגט, ״וכל מעשיך בספר נכתבין.״ (אבות ב,א) דער אייבערשטער האלט א פונקטליכע חשבון פון אלעס וואס א איד טוט דורך דעם יאר. אזוי ווי דער בעל ארחות צדיקים זאגט אויף די נקודה: ״כאשר יגיעו עשרת ימי תשובה, אז כל אדם יעורר לבו ויזדעזע נגד יום הדין, כי יחשוב כי כל מעשיו בספר נכתבים, ובעת ההיא האלקים יביא במשפט את כל מעשה וכל נעלם, אם טוב ואם רע.״ (שער כו – תשובה) בקיצור, אין אלול דארף מען תשובה טון.

איז לאמיר ענדיגען דער מעשה. ר׳ שמואל איז געוואר געווארן אז דער נפטר האט געהאט א חלק אין ר׳ שמואל׳ס זיין א רב. ווי אזוי? אסאך יארן פריער, ווען ר׳ שמואל איז נאך געווען א יונגער בחור, האט ער געוואוינט מיט זיין משפחה אין א נישט פרומע געגענט. וועגן דעם, האבן זיינע עלטערן געטראכט צו שיקן דעם יונגען ר׳ שמואל אין פאבליק סקול אריין. ב״ה, אז די רבנים האבן פון יענעם שטאט מצליח געווען צו שיקן שמואל צו לערנען אין דער ״נר ישראל״ ישיבה. דער נפטר ״מעני האלעב,״ וואס איז אויך געווען א ספרדישער איד, האט באצאלט דעם שכר לימוד פאר עטליכע בחורים, כדי זיי זאלן קענען לערנען אין ישיבה. צווישן די בחורים איז געווען ר׳ שמואל!

לאמיר זיך נתחזק ווערן פון דער מעשה צו גלייבן אז דער אייבערשטער האלט א פונקטליכע חשבון פון אלעס וואס א איד טוט. דורך דעם קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו טון תשובה און קענען מיר אלע זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר. גוט יום טוב אידן.

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים אלע אידן

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362–3234 (845)

<u>מבצע פאר׳ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר׳ן אריינקומען אין שול, כדי דאס קלינגען זאל נישט שטערן דעם דאווענען!</u>